# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:29
מוצאי שב"ק.....................8:55

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................יונה ב'-ג'
בבלי........................עירובין י"ג
ירושלמי..................תענית י"ג
תוספתא...................יבמות י'
רמב"ם...............עבודה זרה ח'

פרשת שופטים, ב' אלול, אבות פרק ו', שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 48 (462)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### כִּי ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם עִם אֹיְבֵיכֶם לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם

אִין טְבֶרְיָה לִיגְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם גְרוֹיסְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ צַדִיקִים, אָבֶער שְׁלֵימוּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען נָאר בַּיי אִים!", אוּן וִוִיבַּאלְד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהֶערְשְׁט גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט, בִּפְרַט אִין יֶענֶע צַייטְן וֶוען עֶס זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד אוּן דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם גְרָ"א קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶערְפַאר פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר אַרוֹיס צוּ שִׁיקְן מְשׁוּלָחִים [מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפְן "שַׁדַ"ר", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שְׁלוּחָא דְרַחְמָנָא"]. אִין טְבֶרְיָה אִיז דֶעמָאלְט דֶער הוּנְגֶער גֶעוֶוען גָאר גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אֲפִילוּ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, הָאט מֶען זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז מֶען וֶועט אַרוֹיסְשִׁיקְן אַ שַׁדַ"ר פוּן טְבֶרְיָה קַיין טֶערְקֵיי, אִיטַאלְיֶע אוּן הָאלַאנְד, וואוּ עֶס אִיז וואוֹינֶען פַארְמֶעגְלִיכֶע אִידְן.

פַאר'ן אַרוֹיסְפָארְן הָאט מֶען גֶעבֶּעטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער עֶר זָאל גֶעבְּן זַיין בְּרָכָה, אַז דִי שְׁלִיחוּת זָאל גֶעקְרוֹינְט וֶוערְן מִיט הַצְלָחָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן מְשׁוּלָח: אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ סְגוּלָה, אַז וואוּ דוּ וֶועסְט גֵיין, אוּן דוּ וֶועסְט זָאגְן "אֱלָקָא דְאַבְרָהָם דְיָתִיב בִּטְבֶרְיָה עֲנֵינָא" וֶועסְטוּ גְלַייךְ זֶען אַ יְשׁוּעָה! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט גְרוֹיס הָאפֶענוּנְג אוֹיף הַצְלָחָה.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אִיטַאלְיֶע אִיז דַאן גֶעוֶוען דָארְט אַ שְׁוֶוערֶע צַייט נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לֶענְגֶערֶע תְּקוּפָה, אוּן וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט מֶען אַמָאלִיגֶע צַייטְן זֵייעֶר שֵׁיין מְכַבֵּד זַיין אַן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶער מְשׁוּלָח, דֶערְפַאר אַז עֶר אִיז פוּנְקְט אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט, הָאבְּן דִי אָרְטִיגֶע תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן, נָאכ'ן אִים אוֹיפְנֶעמֶען וִוי עֶס פַּאסְט, אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ פוֹעֶל'סְט פַאר אוּנְז רֶעגְן, וֶועסְטוּ אַוֶועקְפָארְן פוּן דָא מִיט פוּלֶע זֶעק פוּן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער. קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, אָבֶער פְלוּצְלִינְג הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי סְגוּלָה וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט אִים גֶעזָאגְט, הָאט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶערוּפְן "אֱלָקָא דְאַבְרָהָם... דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַבְרָהָם וָואס וואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה זָאל עֶרְפִילְן מַיין גֶעבֶּעט, עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן". פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי סְגוּלָה הָאט גוּט גֶעאַרְבֶּעט, אוּן עֶס הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגֶענֶען, אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע אָנְגֶעפוּלְט גַאנְצֶע זֶעק מִיט גֶעלְט, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ פַארְדֶעם אוֹיסְגֶענוּמֶען, אוּן עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אוּן מְחַיֶה גֶעוֶוען דִי אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְטֶע אִידְן פוּן טְבֶרְיָה. פוּן דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען אַבִּיסְל זֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

פַאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם אִיז גֶעוָוארְן רָב אִין דִי שְׁטָאט קַאלִיסְק [אִין דִי לִיטָא], אִיז דָארְט גֶעוֶוען דֶער רָב רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפ'ן שְׁטֵייגֶער פוּן דִי מַגִידִים אוּן בַּעֲלֵי מוּסָר וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט שַׁארְפֶע מוּסָר דְרָשׁוֹת מִיט אַ נִיגוּן דֶערְצוּ אוּן אָפְּגֶעשְׁרָאקְן דִי פַארְפְלָאגְטֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אִידְן מִיט אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע עוֹנְשִׁים, וֶוען רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאט מֶען אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם פַאר רָב, עֶר אִיז שׁוֹין אָבֶער גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם מֶעזְרִיטְשְׁן מַגִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערְן צוּגַאנְג, אַז מֶען דַארְף מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אִיד, אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיין חֲשִׁיבוּת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. מִמֵּילָא גְלַייךְ בַּיי זַיין עֶרְשְׁטֶע דְרָשָׁה וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אָנְגֶעטוּן דֶעם טַלִית, אַזוֹי וִוי דִי סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ בְּרִימֶערַיי פוּן דִי מִתְפַּלְלִים אוּן הֲמוֹן עַם,

<<<<<<

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן ח"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרַיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

<<<<<<

## א גוט ווארט

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מַחְשָׁבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב): דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל דָאס פַארְטְרַייבְּן אַלְס שְׁטֶערְקֶער קוּמֶען זֵיי צוּרִיק, אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַ מַחְשָׁבָה דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דוּרְכְדֶעם גֵייעֶן דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. וֶוען מֶען חַזְרִ'ט אֱמוּנָה וֶוערְט לִיכְטִיג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהִנֵּה כְּבוֹד אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בָּא מִדֶּרֶךְ הַקָּדִים, וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים", יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמֶען אִין דִי עֲזָרָה, עֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ רַעַשׁ וִוי וַואסֶער שְׁטוּרֶעמְט, "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט לִיכְטִיג, אֱמוּנָה מַאכְט לִיכְטִיג.

אַז עֶס קוּמְט אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ; אֲפִילוּ אַז מֶען טְרַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה אוּנְטֶער דִי חוּפָּה וֶוערְט נָאכְנִישְׁט אוֹיס וֶועלְט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס הֵיילִיג, מֶען זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט, אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעם אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן מִיר"; אוּן שׁוֹין, מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען בְּלַייבְּט רֵיין אוּן הֵיילִיג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשׁ"פ)

# וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן גֶעטְרוֹיעֶט מִיר נִישְׁט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיז מִיר מַמָשׁ מְחַיֶה. אִיךְ הֶער שׁוֹין דִי שִׁיעוּרִים כִּמְעַט אַ יָאר, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן הֶערְן דֶעם פְרִישְׁן שִׁיעוּר, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר בָּרוּךְ ה', מִיט אַ שְׁטוּב מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַ טֵייעֶרֶער מַאן וָואס הֶעלְפְט מִיר גָאר אַסַאךְ, טְרָאץ וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ פְּרוּבִּיר דָאס מֶערְסְטֶע צוּ טוּן מַיינֶע פְלִיכְטְן אַלְס ווַייבּ אוּן מַאמֶע, אָבֶער כ'הָאבּ אַ שְׁוֶוערִיקַייט אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. מַיין מַאן אִיז גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם אַלְס קִינְד אוּן אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן, אוּן דָאס הָאט אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צוּטְרוֹי צוּ קֵיינֶעם, אוּן עֶר לַיידְט פוּן אַסַאךְ פְּחָדִים, אוּן דָאס מַאכְט אוּנְז אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁוֶוער.

דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה, עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן בַּאפַאלְט מִיר מִיט חֲשָׁדוֹת אוּן זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט פַאקְטְן, אוּן וֶוען אִיךְ זָאג אִים אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן וָואס עֶר רֶעדְט, וֶוערְט עֶר בַּאבְּלָאזְן אוּן ווִיל אֲפִילוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, עֶר זָאגְט אַז עֶר גְלוֹיבְּט מִיר מִמֵילָא נִישְׁט.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, דָאס הָאט מִיר מַמָשׁ שְׁוַואךְ גֶעמַאכְט, אוּן ס'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים מוֹחֵל צוּ זַיין. אֲפִילוּ שְׁפֶּעטֶער וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, וֶוערְט מִיךְ נָאכְאַלְץ שְׁלֶעכְט וֶוען אִיךְ זֶע אִים, ס'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען מַיין נָאנְטְסְטֶער מֶענְטְשׁ גְלוֹיבְּט מִיר נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע דִמְיוֹנוֹת אוֹיף מִיר. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אֵייעֶר וֵוייטָאג; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע גֶעפִיל צוּ לֶעבְּן מִיט'ן מַאן וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צוּטְרוֹי אִין אַייךְ וְכוּ' וְכוּ', וָואס נָאךְ דַארְף דֶען אַ פְרוֹי? אַ פְרוֹי דַארְף דָאךְ נָאר אַז אִיר מַאן זָאל אִיר גְלֵייבְּן אוּן אִיר גֶעטְרוֹיעֶן אוּן וֶוען אַ פְרוֹי הָאט דָאס נִישְׁט אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אָבֶּער אִין אֵייעֶר פַאל אִיז דָאס אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ. אִיר שְׁרַייבְּט דָאךְ אַלֵיין ווִי גֶעטְרֵיי אֵייעֶר מַאן אִיז צוּ אַייךְ, ווִי שְׁטַארְק עֶר הֶעלְפְט אַייךְ; עֶר הָאט נָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר לַיידְט פוּן פְּחָדִים פוּן וֶוען עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם. אִין דֶעם פַאל אִיז דָאס אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אִיר דַארְפְט נִישְׁט זַיין אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף אִים. דָא קוּמְט עֶנְדֶערְשׁ אַרַיין דָאס וָוארְט 'רַחֲמָנוּת', אִיר דַארְפְט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, וָואס טוּט אִיר וֶוען אֵייעֶר קִינְד זָאגְט אַייךְ: "בִּיסְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע!" אָדֶער אֵייעֶר קִינְד זָאגְט אַייךְ: "אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט לִיבּ!" וֶוערְט אִיר אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיפ'ן קִינְד אָדֶער אִיר פַארְשְׁטֵייט אַז דָאס קִינְד אִיז נָאךְ אַ קִינְד אוּן וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען וְכוּ'? אַזוֹי זָאלְט אִיר קוּקְן אוֹיף אֵייעֶר מַאן, עֶר אִיז טַאקֶע שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן אוּן נִישְׁט קִינְדִישׁ, אָבֶּער דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן יוּנְגֶערְהֵייט אַ יָתוֹם לֹא עָלֵינוּ הָאט אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף אִים אִין אַ פָאֶרעם פוּן אוּמְזִיכֶערְקֵייט אוּן עֶס פַּאסִירְט וָואס פַּאסִירְט.

אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף אִים זָאלְט אִיר אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תש"פ)

>>>>>>

דִי שׁוּסְטֶערְס, פֶּעִינְטֶערְס וְכוּ', מִיט'ן בַּאקַאנְטְן לִיטְווִישְׁן מוּסָר נִיגוּן צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוואוֹינְט, הֶערְנְדִיג דָאס הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "בְּרִימְט מִיר מֶער נִישְׁט אוּנְטֶער דֶעם נִיגוּן", אוּן עֶר הֵייבְּט זֵיי אָן צוּ עֶרְקְלֶערְן: "אִיר הָאט דָא גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט אַ ווָאוילְן חָשׁוּבְ'ן רַב, אָבֶּער אֵיין גְרוֹיסֶע חִילוּק אִיז דָא צְווִישְׁן אִים אוּן מִיר, עֶר הָאט אַייךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ הַאלְטְן אַ בִּיקְס אוּן שִׁיסְן אָבֶּער עֶר הָאט אַייךְ פַארְגֶעסְן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען הַאלְט דֶעם בִּיקְס, עֶר הָאט אַייךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען הַאלְט דָאס אַנְטְקֶעגְן זִיךְ אוּן מֶען שִׁיסְט דֶעם קוֹיל אִין זִיךְ אַרַיין, אַז מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּבְּרֶעכְן אוּן אַרָאפְּקְלַאפְּן, אָבֶּער אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַ נַייעֶ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף צוּ שִׁיסְן, אַז מֶען הַאלְט דִי גֶעוֶוער קֶעגְן דֶעם שָׂטָן אוּן אוֹיף אִים שִׁיסְט מֶען, נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין". דָאס הֵייסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט, אוּן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, שִׁיסְט מֶען אִים צוּרִיק, אוּן מֶען זָאגְט אִים: "אִיךְ טוֹיג יָא! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד, אִיךְ הָאבּ פֵּיאוֹת", אַזוֹי שִׁיסְט מֶען אִים אַרַיין אַפָּאר קוֹילְן, אוּן אַז עֶר קוּמְט וַוייטֶער צוּם מֶענְטְשׁ אוּן פַארְדְרֵייט אִים דִי קָאפּ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט, שִׁיסְט מֶען אִים נָאךְ אַפָּאר קוֹילְן: "אִיךְ בִּין יָא גוּט! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לֵייג תְּפִלִין, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה בַּיים טִיר!"

דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַזוֹי פַארְפִירְט אַקֶעגְן דִי מַגִידִים וָואס צֶעבְּרֶעכְן דֶעם פָּשׁוּט'ן הֲמוֹן עַם אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶענוּג צוּבְּרָאכְן פוּן דִי פִילֶע צָרוֹת וָואס זֵיי מַאכְן מִיט, מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט מֶער צוּבְּרֶעכְן, אוֹיבּ עֶפֶּעס דַארְף מֶען שִׁיסְן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם! אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אֱמֶת, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְנַארְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, נָאר שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין דֶערְמִיט.

(קוּנְטְרֵס הֵייבְּט אַייךְ אִידֶעלֶעךְ)

>>>>>>

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זִי"ע פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְּרוּם פְּרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶונְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן אִינְצְווִישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע ווִי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פּוֹעֶל'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

## עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט יִשׁוּב הַדַעַת, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי

<<<<<<

>>>>>>

פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז וִוי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְּלֶעצֶער וואו עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּערָאל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טַייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נַייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טַייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

>>>>>>

גמרא מסכת תענית אין די אנדערע האנט, ווייל זיי האבן נישט געוואלט פארפאסן אפילו נאר איין טאג פון צו לערנען מסכת תענית.

וואו די בחורים זענען נאר אנגעקומען, טייל אין די פייער סטאנציע, טייל אין א גאז סטאנציע, טייל אין אנדערע קעמפ און קאנטריס, האבן אלע געענדיגט די גאנצע מסכת, טראץ די אלע טלטולים און שוועריקייטן.

ווען די שטורעמעס האבן נאכגעלאזט און מען האט שוין ענדליך געקענט זיך צוריק קערן אין קעמפ, איז אבער נאכאלץ נישט געווען קיין לעקטער אין קעמפ. אבער די בחורים האבן ווייטער געמוזט ענדיגן די גאנצע מסכת יעדן טאג, און צו די שיין פון ליכט זענען די בחורים געזעסן ביז אין די שפעטע נאכט שעות און געלערנט פלייסיג א בלאט גמרא און נאך א בלאט גמרא. למעשה האבן די בחורים אויסגעפירט און האבן זוכה צו ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית, יעדן טאג ביז ראש השנה.

צדיק גוזר והקב"ה מקיים, גלייך נאך ראש השנה האבן אנגעהויבן ווערן חתנים אין ישיבה, און אין לויף פונעם ווינטער זמן תשע"ב, האבן אלע בחורים געטראפן זייער שידוך, זיי האבן ב"ה שיין חתונה געהאט און אויפגעשטעלט ערליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת.

במשך די יארן זינט דעמאלט, האט עס ווייטער אנגעהאלטן יאר יערליך, די פרישע בחורים האבן יעדעס יאר געענדיגט מסכת תענית פערציג מאל פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, און ב"ה פילע שידוכים זענען געשלאסן געווארן אין דעם זכות אין לויף פון די יארן. אויך פילע בחורים פון אנדערע ישיבות, וואס האלטן מיט די דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, האבן זיך אויך צוגעכאפט צו דעם, זיי האבן אויך געלערנט מסכת תענית פערציג מאל, און זענען ב"ה אויך געהאלפן געווארן מיט שיינע שידוכים.

"גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן", א צדיק אויף יענע וועלט האט ער נאך א גרעסערער כח, און מוהרא"ש וועט זיכער אויס'פועל'ן פאר די אלע בחורים אז זיי זאלן טרעפן זייערע באשערטע בקרוב ובניקל.

**אין שמחה כשמחת התורה!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן פְּחָדִים אוּן חֲשָׁדוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה אִיבֶּער מַיין מַאן וָואס אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלְס יָתוֹם אוּן אִיז פוּל מִיט פְּחָדִים, עֶר אִיז מִיר חוֹשֵׁד כְּסֵדֶר מִיט נַארִישְׁקֵייטְן. מַיין מַאן זָאגְט מִיר אַז עֶר וִויל אַלֵיין אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּחָדִים, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס שְׁטֶערְט דָאס לֶעבְן, עֶר וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ הֶעלְפְן. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּן פַאר אִים אַן עֵצָה אוּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אֵייעֶר וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי וִויל דִיר הֶעלְפְן, זִי וִויל דִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין אוּמְזִיכֶערְקֵייט; זִי הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּחָדִים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "דַע, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד", דִי וֶועלְט אִיז וִוי אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, מֶען דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין זֵייעֶר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאלְן בְּרִיק דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צוֹים פוּן בֵּיידֶע זַייטְן כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז צְוֵויי צוֹימֶען אִין וָואס מֶען זָאל זִיךְ אָנְכַאפְּן אַז מֶען זָאל קֶענֶען דוּרְךְ גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם, דָאס אִיז 'שִׂמְחָה' אוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז מֶען הָאט דִי צְוֵויי צוֹימֶען קֶען מֶען אַרִיבֶּער גֵיין אֲפִילוּ דֶעם שְׁמָאלְסְטְן בְּרִיק אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

דֶער עֶרְשְׁטֶער צוֹים אִיז שִׂמְחָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דוּרְךְ שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י).

דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג אוּן אַרַיין פַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע צִיל וָואס עֶר וִויל עֶרְרֵייכְן וֶוען עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת - אִים אַרַיין וַוארְפְן אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט אִיז עֶר אִין דִי הֶענְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט וֶוען מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס מֶען הָאט.

דֶער צְוֵוייטֶער צוֹים אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַמָאל הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין וְכוּ' וְכוּ' בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי גְרִינְגֶע וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז בַּאקֶוועם צוּ רֶעדְן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר. אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחְשָׁבוֹת אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֲבוֹדוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט; מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גוֹיִם, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי וֶועלְט - דֶעם שְׁמָאלְן בְּרִיקְל אָן קַיין פְּחָדִים אוּן אָן קַיין שְׁרֶעק. מֶען וֶוערְט זִיכֶער מִיט זִיךְ; מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּחָדִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א'): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", וֶוער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן הָאט נִישְׁט קַיין פְּחָדִים פוּן קֵיינֶעם; וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים אוּן עֶר לִיגְט אִין זַיינֶע הֶענְט, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלא, ב): "כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי", אִיךְ בִּין וִוי אַ קִינְד וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע אָן קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּחָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תש"פ)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עו)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אִין שְׁטָאט אוּמַאן.

**שטז**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט אוּמַאן, אִיז עֶר דוּרְכְגֶעפָארְן דִי שְׁטָאט קַאנִיבְלַאד, אוּן דָארְט הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ תַּלְמִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶער מַגִיד, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן דֶער מַגִיד אִיז דַאן גֶעוֶוען נָאנְט צוּם שְׁטָאט קַאנִיבְלַאד.

דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט הִתְרַגְשׁוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אַז עֶר זֶעט אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג דֶעם רֶבִּי"ן, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין מוֹדִיעַ זַיין פַאר'ן מַגִיד שְׁטִילֶערְהֵייט אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ אִים צוּ אַ דָארְף נָאנְט אַ הַאלְבֶּע פַּרְסָה צוּם דֶעם שְׁטָאט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְהַאלְטְן אוּן אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט.

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר'ן מַגִיד אַז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן ווִיל אִים זֶען. דֶער מַגִיד אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָן קַיין הוּט אוּן גַארְטְל, אָבֶער גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא, הָאט עֶר זִיךְ צוּשְׁרִיגְן פַאר גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, "לוֹיף שְׁנֶעל אוּן שְׁפַּאן אַיין מַיין וָואגְן, אוּן קוּם מִיר נָאךְ צוּ דֶעם דָארְף, אוּן דֶערְוַוייל וֶועל אִיךְ גֵיין צוּפִיס בִּיז צוּם רֶבִּי"ן!".

דֶער מַגִיד הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה, אַזוֹי ווִי עֶר שְׁטֵייט אוּן גֵייט, אָן זַיין הוּט אוּן גַארְטְל, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, אוּן דָארְט אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעלָאפְן צוּפִיס בִּיז צוּם דָארְף, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין נָאךְ אֵיידֶער זַיין קַארֶעטֶע וָואס אִיז אִים נָאכְגֶעקוּמֶען, כָאטְשׁ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גָאר שְׁטֶעל אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְפָארְן דֶעם מַגִיד, הָאט עֶר אָבֶער נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְיָאגְן דֶעם מַגִיד.

דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן חַיוּת וָואס דֶער מַגִיד הָאט גֶעהַאט בַּיים זִיךְ בַּאגֶעגֶענֶען מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

**שיז**

דִינְסְטָאג, כ"ב סִיוָן, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט שְׁפּוֹלִי, דָארְט הָאט עֶר גֶעטוֹישְׁט זַיינֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז דֶעמָאלְט זִיךְ גֶעקְלֵיידֶעט ווִי אַ סוֹחֵר ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט. דֶער ז' הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לִכְבוֹדוֹ.

זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִינְאֵיינֶעם בַּיים טִישׁ דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן אוֹיךְ אַלֶע זַיינֶע חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, אַלֶע זֶענֶען גֶעזֶעסְן בַּיים טִישׁ לִכְבוֹד דֶער רֶבִּי"ן, אוּן ס'אִיז גֶעוֶוען דָארְט גָאר פְרֵיילִיךְ.

וֶוער ס'אִיז נָאר אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט דֶער ז' אִים גֶענוּמֶען פַאר עֵדוּת אוּן גֶעזָאגְט, "דוּ קֶענְסְט עֵדוּת זָאגְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ צוּ עֶסְן בִּכְלָל בַּיינַאכְט, נָאר יֶעצְט פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּם דֶעם טַייעֶרְן גַאסְט, וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, נָאר דֶערְפַאר עֶס אִיךְ יֶעצְט אַ סְעוּדָה מִיט אִים. אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס נָאךְ אִיךְ קֶען טוּן פַאר אִים, פַאר גְרוֹיס שִׂמְחָה".

אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אִינְאֵיינֶעם מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז עֶר נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיטְ'ן רֶבִּי"ן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## נייער בית המדרש "היכל הקודש" אין ירושלים

שוין א לענגערע צייט וואס אנשי שלומינו אין ירושלים, תלמידי היכל הקודש, קומען זיך צוזאם יעדן שבת קודש זיך צו שטארקן אינאיינעם מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז. ביז יעצט איז מען זיך צוזאמגעקומען אין שטוב פון איינער פון די חשובע חברים, וואס האט זיך אוועקגעגעבן בלב ונפש פאר די גאנצע חבורה.

מיט די צייט איז אבער דער פלאץ שוין געווארן צו קליין, עס קומען כסדר צו נאך פרישע מקורבים, און דערפאר האט מען אנגעהויבן זוכן א פאסיגע פלאץ וואו מ'זאל קענען מאכן א געהעריגער בית המדרש, ס'איז אבער געווען זייער שווער צו טרעפן א פאסיגע פלאץ.

אלע אנשי שלומינו האבן כסדר מתפלל געווען אויף דעם, געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל האבן א מקום מנוחה, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ס'איז נתקרב געווארן א חשובער אינגערמאן וואס האט זיך אנגעטראגן צוצושטעלן און מנדב זיין א שיינעם שול אין ירושלים.

מיט צוויי וואכן צוריק האט מען זיך אריינגעצויגן ברוך ה' אינעם נייעם בית המדרש, וואס געפונט זיך אויף רחוב רבי נחמן מברסלב 12, ירושלים - שכונת גאולה, און גלייך האט זיך ארויסגעזען די געוואלדיגע דארשט פון אידישע קינדער זיך צו מחזק זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, ווען פון אלע עקן פון שטאט זענען אידן געקומען דאווענען צום נייעם בית המדרש, סיי אין דער וואכן און סיי אום שבת קודש.

יעדן טאג דאווענט מען מנחה נאנט צו די שקיעה, דערנאך שפילט מען אויף א שיעור פון ראש ישיבה שליט"א וואס לערנט פאר א בלאט גמרא, נאכ'ן שיעור דאווענט מען מעריב, און נאך מעריב הערט מען א שיעור התחזקות פון ראש ישיבה שליט"א.

אום שבת קודש דאווענט מען פרייטאג צו נאכטס מנחה און קבלת שבת 15 מינוט פאר די שקיעה, און שלש סעודות איז ביי די שקיעה. און מיר האפן און מיר זענען מתפלל צו שאפן בקרוב א מהודר'דיגע ספר תורה, צו קענען אויך דאווענען שבת אינדערפרי אין בית המדרש.

ווי אויך איז אויפגעשטעלט געווארן דארט א גרויסער צענטער פון הפצה, וואו מ'קען באקומען די ספרים און קונטרסים פון הייליגן רבי'ן, פון רבי נתן, פון מוהרא"ש, און פון ראש ישיבה שליט"א, פאר גאר ביליגע פרייזן. ווי אויך אלע סידיס, דרשות, און ניגונים, פון ראש ישיבה שליט"א.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער נייער בית המדרש זאל שיין מצליח זיין, און פון דארט זאל ארויסקומען א גרויסער אור וואס זאל באלייכטן אידישע קינדער איבער גאנץ ירושלים און איבער'ן גאנצן לאנד.

**בונים היכל לה' אלקי ישראל!**

***

## בחורים לערנען פערציג מאל מסכת תענית ביז ראש השנה

אין די יעצטיגע טעג, צווישן חמשה עשר באב און ראש השנה, טומלט זיך אין ישיבה מיט מסכת תענית, די בחורים זענען צוגענאגלט צו די בענקלעך, די אויגן צוגעבינדען צו א גמרא מסכת תענית, מ'לערנט פלייסיג מיט חשק, און מ'ענדיגט יעדן טאג נאכאמאל גאנץ מסכת תענית.

אין יאר תשע"א, פאר חמשה עשר באב, האט מוהרא"ש געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז ער גייט אריבערקומען אין קעמפ אום חמשה עשר באב, א טאג וואס איז מסוגל פאר שידוכים, און ער וועט פועל'ן שידוכים פאר די בחורים.

אום חמשה עשר באב איז מוהרא"ש טאקע געקומען אין קעמפ, מען האט געמאכט א גרויסע סעודה, מוהרא"ש האט גערעדט א לאנגע צייט צו די בחורים, און ביים סוף פון די דרשה האט מוהרא"ש געזאגט פאר די בחורים אז אלע בחורים פון זיבעצן יאר און העכער וואס וועלן ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית אין די פערציג טעג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וועלן זיי אי"ה טרעפן זייער שידוך גלייך נאך ראש השנה.

פון דעם קומענדיגן טאג האט מען מער נישט געקענט רעדן צו קיין בחור אין קעמפ, אלע בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו און אנגעהויבן לערנען מסכת תענית מיט'ן ציל צו ענדיגן די גאנצע מסכת יעדן טאג פון פריש.

עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט, דער יצר הרע האט נישט געקענט אויסהאלטן צו זען ווי די בחורים לערנען אזוי פלייסיג, און אז באלד וועלן זיי שוין אלע חתנים ווערן, האט זיך אנגערוקט שווערע שטורעם ווינטן, דער הוריקעין "איירין" איז אנגעקומען מיט פולן קראפט, און ווען מען האט זיך אויפגעוועקט אין אינדערפרי, האט מען געזען אז דער טייכל וואס לויפט נעבן קעמפ האט זיך געהויבן מיט איבער צען פיס העכער ווי געווענליך, און די קעמפ ווערט מער און מער פארפלייצט מיט וואסער.

די לעקטער און וואסער איז געווארן אפגעהאקט, און די גאנצע קעמפ האט געמוזט זאפארט אויסגעליידיגט ווערן, די שטאטישע רעטונג איינהייטן זענען אנגעקומען מיט פאליציי קארס און פייער טראקס צו נעמען דעם עולם, אזוי ווי די גאסן און וועגן זענען שוין געווען פארפלייצט און מען האט מער נישט געקענט ארויספארן מיט געווענליכע אויטאס. די באאמטע האבן גענומען א טייל עולם צום פייער סטאנציע, און די אנדערע האבן זיך אויסגעשפרייט צו אנדערע געגנטער וואס זענען געווען אביסל העכער און נישט געווארן אזוי שטארק אפעקטירט פונעם הוריקעין.

יעדער איז ארויסגעלאפן מיט די נשמה אין די הענט, איידער די גאנצע קעמפ געפונט זיך שוין אונטער'ן וואסער. די בחורים האבן אבער מיטגעשלעפט זייער תפלין זעקל אין איין האנט, און די

<<<<<<


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן; עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך. בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס.

אייער פריינד
אלי קנאלל
Plan it Rite
718-506-4341
Travel the right way

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## שיעורים אין נ"ך

**האט איר אלעמאל געהאט חשק צו לערנען און קענען נ"ך? יעצט איז אייער גאלדענע געלעגנהייט**

**געשמאקע גרינגע שיעורים אין גאנץ נ"ך:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191 1, 2, 8**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסף קעניג** הי"ו **וזוגתו** תחי', צפת

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

שמחה ונחת לרוב ביי אלע קינדער געזונטערהייט

הפצת הגליון נתנדב ע"י

**Fast Build 845-774-5616**

מיר טוען אלע אייערע קאנסטראקשן ארבעט
אין גאנץ סאליוואן קאנטי



**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com